בס"ד

תצוה - זכור תשפ"ה

גליון 229

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייינער קוואל

אין די הייליגע טעג דאַרף מען געדענקען וואָס ר' נָתָן ברענגט אַראָפּ פון דער הייליגער אַר"י הַקָּדוֹשׁ אַז די הָאָרָה, די ליכטיגקייט און קדוּשָׁה וואָס שײַנט אין די יְמֵי הַפּוּרִים איז נישטאָ אין קיין שום טאָג פונעם גאַנצן יאָר, אֲפִילוּ שַׁבָּתִים און יָמִים טוֹבִים וועלכע זענען גאָר הייליגע טעג, אָבער די ליכטיגקייט פון פּוּרִים איז העכער פון אַלעס, אֲפִילוּ מען שפּירט גאָרנישט און מ'זעט גאָרנישט.

ר' נָתָן האָט פאַרשטאַנען פונעם הייליגן רֶבִּי'ן אַז אַלע הַתְחָלוֹת איז פון פּוּרִים. לְמַעֲשֶׂה ווער פון אונז וויל דען נישט אָנהייבן דאַווענען מיט כַּוָּונָה? ווער וויל דען נישט זײַן פריילעך? און ווער וויל דען נישט זײַן אַן ערליכער איד? לערנען אַסאַך תּוֹרָה? וועלכער אינגל וויל דען נישט האָבן שֵׂכֶל און אַ גוטע וועג וויאַזוי צו דינען דעם אויבערשטן?

ווער וויל דען נישט האָבן הַרְחָבָה בְּגַשְׁמִיּוּת; אַ גרויסע הויז מיט אַסאַך שפּילצייג, געשמאַקע מַאֲכָלִים? וועל וויל נישט האָבן אַסאַך גוטע חֲבֵרִים וואָס האָבן אים בֶּאֱמֶת ליב? ווער פון אונז וויל נישט מ'זאָל אים געבן גוטע ווערטער? טײַערע אינגל ווילסטו דען נישט אַז דײַנע עלטערן און דײַנע מְלַמְּדִים זאָלן האָבן פון דיר אַסאַך אידיש חֲסִידִישׁ נַחַת? ליכטיגער אינגל, האָסטו דען נישט אַסאַך בַּקָּשׁוֹת צו בעטן פונעם אויבערשטן? וועלכער איד בענקט נישט צו די גְאוּלָה שְׁלֵמָה און צו בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ עס זאָל שוין נִתְגַּלֶה ווערן דעם אויבערשטנ'ס נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט?

טײַערער אינגל! האָסט יעצט די געוואַלדיגע געלעגנהייט! די הייליגע טעג שַׁבָּת זָכוֹר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, פּוּרִים, שַׁבָּת נָאךְ פּוּרִים. טרעף זיך אַפּאָר מינוט אין אַ שטילע פּלאַץ און זאָג אַרויס אַפּאָר דיבורים פאַרן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, אֲפִילוּ אָן הִתְעוֹרְרוּת אֲפִילוּ עס איז אָן הארץ, קאַלטע ווערטער זאָלסט וויסן אַז דײַנע ווערטער קומען אָן בִּיזן כִּסֵּא הַכָּבוֹד און ברענגען אַראָפּ יְשׁוּעוֹת פאַר כְּלַל יִשְׂרָאֵל בְּרוּחָנִיּוֹת און בְּגַשְׁמִיּוֹת.

עס וואָלט געווען כְּדַאי אַז יעדער אינגל זאָל לערנען אַביסל פון די מְגִלָּה מיט אַ פֵּרוּשׁ, רַשִׁ"י אָדער אַנדערע פֵּרוּשִׁים, צו קענען מיטלעבן און זיך מִתְבּוֹנֵן זײַן אין די נִסִּים פון די מְגִלָּה. אַזוי ווי ר' נָתָן בעט זיך אין די תְּפִלָּה פון פּוּרִים: "איך זאָל זוֹכֶה זײַן צו מְקַיֵּים זײַן די מִצְוָה פון קְרִיאַת הַמְּגִלָּה מיט גרויס קדוּשָׁה און טָהֳרָה מיט אַ געוואַלדיגע גרויסע שִׂמְחָה און זוֹכֶה זײַן צו אַרײַנטראַכטן אין די וואונדערליכע נִסִּים און גרויסע יְשׁוּעוֹת צו מְפַרְסֵם זײַן דעם גרויסן נֵס פאַר אַלעמען". ר' נָתָן בעט ווײַטער: "איך זאָל זוֹכֶה זײַן צו מְקַיֵּים זײַן די מִצְוָה פון מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים און די מִצְוָה פון סְעוּדַת פּוּרִים מיט אַ שְׁלֵימוּת און מיט אַ גרויסע שִׂמְחָה, איך זאָל חַס וְשָׁלוֹם נישט מַזִּיק זײַן קיין שום מענטש און קיין שום זאַך אינעם טאָג פּוּרִים. איך זאָל זוֹכֶה זײַן צו פריילעך זײַן און אויך

צוּ דֶערפְרֵייעֶן אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה עֲצוּמָה מְאֹד מְאֹד נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתֶךָ".

דֶער בֵּאוּר הֲלָכָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶער לָשׁוֹן פוּן מְאִירִי: "אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחֻיָּב צוּ פַארְמֶערְן שִׂמְחָה אִין דֶעם טָאג צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן. אָבֶער מִיר זֶענֶען נִישְׁט בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ אָנְצוּטְרוּנְקֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן מִתּוֹךְ הַשִּׂמְחָה, וַוייל דִי חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט בַּאפוֹילְן צוּ הָאבְּן שִׂמְחָה פוּן הוֹלְלוּת אוּן שְׁטוּתִים, נָאר צוּ אַ שִׂמְחָה פוּן תַּעֲנוּג וָואס דוּרְכְדֶעם דֶערְגְרֵייכְט מֶען צוּ אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִים צוּ דַאנְקְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּן".

לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחָה ב') אַז פַאר יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אוּן אַרוּיפְוָוארְפְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶע תְּנוּעוֹת אוּן אַלֶע הִתְנַהֲגוּת אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף אִים אַזוֹי דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וְוִיאַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער בִּפְרַט דָאס יָאר וֶוען פּוּרִים פַאלְט אוֹיס עֶרֶב שַׁבָּת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה דָאס יָאר צוּ אַלֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלֶע דוֹרוֹת, צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דִי שִׂמְחָה פוּן פּוּרִים אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר. מִיר זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן הָמָן עֲמָלֵק אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, אָמֵן.

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באוייזט וואונדער

פאר זיינע ליבע קינדער

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּ אַ בַּאשְׁנֵייטֶע הָארִיזַאנְט, בְּשַׁעַת אִיךְ אוּן מַיין בְּרוּדֶער טוֹבִיָּה בֶּעטְן אַ 'הֵייסֶע תְּפִלָּה' צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁפֶּעטֶער אִין חֵדֶר.

7:55 קְלִינְגְ אִיךְ אַרַיין אִין דִי חֵדֶר טֶעלֶעפָאן לַיין אוּן מֶען הֶערְט קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ אַז אַלֶע בַּאסֶעס וֶועלְן פָארְן ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ. אוּנְז גֵייעֶן אַרוֹיס צוּ דֶער בַּאס וֶוען פוּן דִי פֶענְסְטֶער שְׁרֵייט אַ שָׁכֵן: "מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דִי סֵדֶר פוּן דִי בָאסֶעס אוֹיף צְוֵויי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער!"

עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַז דְרַיי מִינוּט נָאכְדֶעם וָואס אוּנְז הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי טֶעלֶעפָאן לַיין הָאט מֶען צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן דִי מֶעלְדוּנְג. (זֶעט אוֹיס אַז דִי דְרַייוֶוער'ס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעְרֶעדְט אַז סְ'אִיז יָא שְׁוֶוער צוּ פָארְן, אוּן אַגַּב אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי נָאךְ אַסַאךְ מוֹסְדוֹת).

~ ~ ~

מַיין בְּרוּדֶער אַלְטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז זַיין מַאנְטְל אִיז שׁוֹין צוּ קְלֵיין אוּן פַארְעֶלְטֶערְט אוּן עֶר דַארְף אַ נֵייעֶ, הָאט מַיין מַאמֶע אִים גֶעזָאגְט אַז מְ'גֵייט פְרֶעגְן אוּנְזֶער בַּאבֶּע פוּן אוֹיסְלַאנְד אֶפְשַׁר הָאט זִי אַן אִיבֶּערִיגֶע נוּצְבַּארֶע מַאנְטְל, אוּן מַיין מַאמֶע הָאט גֶעלָאזְט דָארְט אַ הוֹדָעָה אִין טֶעלֶעפָאן אוּן גֶעזָאגְט פַאר אַלְטֶער אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אִים טַאקֶע אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ גוּטֶע מַאנְטְל. אַלְטֶער הָאט

טַאקֶע גֶעבֶּעטְן, און צְווֵיי טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אַ מַאנְטְל וָואס אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט זַיין מָאס! מַיין בַּאבֶּע הָאט גֶעהַאט פּוּנְקְט אַן אִיבֶּערִיגֶע שֵׁיינֶע מַאנְטְל, און בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אִיז מַיין פֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּ פָּארְן צוּ אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת און עֶר הָאט עֶס מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט!

מַיין בְּרוּדֶער טוֹבִיָּ'ה הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס כָּאטְשׁ עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַ נַייעֶ לֶעמְפְּל בַּאקוּמְט עֶר עֶס נָאכְאַלְץ נִישְׁט, און וִויפִיל מַיין טַאטֶע הָאט אִים פְּרוּבִּירְט צוּ מַסְבִּיר זַיין אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל גִיבְט עֶס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער און אַז אֶפְשָׁר לֵייגְט עֶר עֶס אַוֶועק פַאר אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ, און אַז דִי תְּפִלּוֹת אַלֵיינְס זֶענֶען אַ גוּטֶע זַאךְ א.א.וו. הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, בִּיז טַאטִי אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מָשָׁל וָואס דָאס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעצְט אִין זַיין קָאפּ.

"ס'גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִינְגְל וָואס זַיין טַאטֶע אִיז לֵיידֶער פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן פוּן שְׁטוּב רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דֶער גְרָאסֶערִי-מַאן הָאט זֵייעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיפְ'ן אִינְגְל און הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר מֶעג נֶעמֶען וִויפִיל צוּקֶערְלֶעךְ עֶר וִויל וִוילַאנְג עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין טַאטֶע. דֶער אִינְגְל פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק. אָבֶער וָואס וִויל עֶר עֶנְדֶערְשׁ אַ טַאטֶע וָואס גִיבְט אִים נָאר פוּן צֵייט צוּ צֵייט אַ צוּקֶערְל אָדֶער אַ גְרָאסֶערִי-מַאן וָואס גִיבְט אִים טוֹיזְנְט צוּקֶערְלֶעךְ? זִיכֶער וִויל עֶר עֶנְדֶערְשׁ אַ טַאטֶע. דִי צוּקֶערְל אִיז וִוי דִי לֶעמְפְּל און דֶער טַאטֶע אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיט וֶועמֶען מִיר בֶּעטְן און רֶעדְן צוּ אִים און אַזוֹי הָאט מֶען אַ שַׁייכוּת צוּ אִים און מֶען הָאט אַ טַאטֶע וָואס דָאס אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער. כָּאטְשׁ אַסַאךְ מָאל פִירְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ וֶועג וָואס קֶען אוֹיסְקוּקְן שְׁטְרֶענְג, אַז יֶעצְט אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֶעבְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ דִי זַאךְ וָואס עֶר בֶּעט!.. מֵיילֶעךְ.





# וואו איז יאָסעלע? #3

*אין קורצן פון פריער:*

*נאך אסאך תפילות האט ר' נחמן שטראקס ז"ל זוכה געווען ארויפצוגיין מיט זיין פאמיליע קיין ארץ ישראל, ווען ער ציט אויף זיין אייניקל יאסעלע ביי אים אין שטוב. אבער א שטיקל צייט נאכן ארויפקומען וויל זיין טאכטער די מאמע פון יאסעלע צוריק פארן קיין רוסלאנד מיט די קינדער, דער זיידע האט מורא אז אין דער קאמאניסטישער לאנד וועלן זיי אויפוואקסן ווי גוים רח"ל.*

דער זיידע ר' נחמן האט געקוקט אויף זיין אייניקל יאסעלע וואס איז אהיים געקומען פון חדר פרייליך און צופרידן און זיין הארץ איז געווארן צעבראכן אויף שטיקלעך. 'רבונו של עולם וואס גייט זיין מיט דער קינד? ער איז נאך אזוי קליין און ווייסט גארנישט וואספארא שווערע גזירה הענגט איבער זיין קאפ אין וועלכן זיין גאנצער עתיד פון זיין לעבן הענגט אין דעם'".

ר' נחמן האט באשלאסן אז ער גייט פראבירן טון וואס ער וועט נאר קענען צו ראטעווען יאסעלע, ער האט פראבירט רעדן מיט זיין טאכטער און איידים אבער אן ערפאלג. די מערהייט פון אלע אידן וועלכע זענען ארויפגעקומען אין יענע צייט פון רוסלאנד זענען נעבעך אריינגעפאלן פון איין גלות צום צווייטן, זיי זענען אנטלאפן פון די קאמוניסטן האבן זיי גלייך אפגעווארט די ציוניסטן. די ציונים האבן פארגעשטעלט פאר די נייע ארויפגעקומענע רוסישע אידן אז די גאנצע תורה און מצוות איז עפעס א אור-אלטע אמאליגע וועג, אין ארץ ישראל איז די לופט שוין הייליג אזוי אז מען דארף שוין נישט אלע אמאליגע הקפדות ח"ו נאר יעדער איינער קען זיין פריי פאר זיך. (עפ"ל) מיט די סארט


ב"ה מטעם רבותינו שרי התורה הבד"צ שליט"א

בקשו רחמים

נזדעזענו לשמוע את גזר הדין שיצא נגד הזקן הרה"ח

ר' נחמן בן שיינדיל שטרקס שליט"א

להשליכו לכלא גזר דין המאיים על חייו

כידוע עבר ר' נחמן החולה המסוכן את מרורות הגיהנום בארץ הקומוניסטים, והגיע לארצנו הקדושה לחיות בה חיי תורה ושלוה

ועתה מאיים עליו גזר דין מות ח"ו

אנו מוחים נגד זה נמרצות ומבקשים מכל הרבנים ובעלי השפעה בתפוצות ובארה"ק לפעול להצלת הישיש ר' נחמן מרדת שחת ולשחרורו המיידי

כמו"כ להתפלל עליו בכל יום ולומר תהלים ויחזר שאחר התהלים

והשי"ת יקבל תפלותינו לרצון ויתן בלב השלטונות לשחררו בקרוב

נאם פנחס כהנר"ק עפשטיין ראב"ד
נאם ישראל יצחק הלוי רייזמאן
נאם דוד הלוי יונגרייז

כפירה'דיגע השקפה האבן זיי לײדער אראפגעפירט פון וועג טויזנטער אידישע קינדער וועלכע זענען ארויפגעקומען פון איבער דער גאנצער וועלט יענע צייטן, דאס איז געווען זייער סדר צו חוזק מאכן פון יעדע הייליגע זאך, זיי פלעגן לאכן און מאכן שפאס פון ערליכע אידן, און אוועקמאכן ווער עס האט זיך דאך פראבירט האלטן מיט זיין ערליכקייט, דעריבער זענען די עלטערן פון יאסעלע- וועלכע זענען לײדער פאכאפט געווארן צו דעם ציונישן געדאנק געווען אזוי שטארק מיט זייער באשלוס.

ר' נחמן האט זיך דורכגערעדט מיט ערליכע אידן וואס מען קען טון און זיי האבן באשלאסן אז מען זאל דערווייל אויסבאהאלטן יאסעלען ערגעץ מען זאל אים נישט קענען אוועקנעמען, דער זיידע האט אביסל ערקלערט פאר יאסעלע וואס טוט זיך ארום אים און אים געגעבן צו פארשטיין אז אויב ער וויל בלייבן א ערליכער איד מוז מען אים אויך אויסבאהאלטן א שטיקל צייט, יאסעלע וואס איז

געווען א קלוגער קינד און האט גוט פארשטאנען, מען האט אים אביסל געטוישט זיינע קליידער און אים געזאגט אז פון יעצט רופט מען אים א אנדערע נאמען, און אוועקגעפירט שטילערהייט אין ראשון לציון ביי א משפחה וואס האבן נישט געוואוסט באמת ווער איז ער.

אזוי ווי די עלטערן האבן געוואלט פארן און האבן נישט געפונען יאסעלע ביים זיידן און שטוב, זענען זיי געווארן זייער ברוגז, אזא זאך אוועקנעמען זייער קינד? דער זיידע האט זיי ערקלערט נאכאמאל און נאכאמאל אז עס טוט אים זייער ווי צו טון אזא טריט אבער ער פילט פאר א פליכט צו ראטעווען יאסעלע'ס לויטערע נשמה ער זאל בלייבן הייליג און ריין, די עלטערן האבן נישט פארשוויגן און האבן איבערגעגעבן פאר די פאליציי אז זייער קינד איז פארכאפט געווארן...

די ציונישע פאליציי האט געכאפט אזא פרשה מיט ביידע הענט, הא יעצט וועט מען ווייזן פאר אלעמען אז די פרומע אידן זענען שלעכטע מענטשן וואס פארכאפן קינדער פון זייערע עלטערן... די צייטונגען האבן ארויגעשריבן מיט רויטע גרויסע ווערטער 'וואו איז יאסעלע???' די פרומע אידן האבן אים פארכאפט!!! די פאליציי האבן זיך גענומען זוכן דאס קינד אין אלע לעכער וואו זיי האבן נאר געקענט, אויך אין ברסלב'ער שול אין מאה שערים זענען זיי געקומען זוכן אבער יאסעלע האבן זיי נישט געפונען...

די פאליציי האבן געברענט פון צארן, "וואו א יאסעלע? וואו?".

זיי זענען געקומען איינמאל אינמיטן נאכט צו אליהו חיים ראזען אין שטוב, און אריין אין קינדע צימער און אויפגעוועקט איין קינד נאכן צווייטן א געפרעגט גלייך פון שלאף ארויס נאך איידער זיי ווע אניאגן עפעס צו טראכטן: "וואו איז יאסעלע? הא וואו איז יאסעלע?" אבער די קינדער האבן גראד נישט געוואוסט צו ענטפערן וואו יאסעלע געפינ

זיך.

מענטשן פלעגן איבערגעבן פאר די פאליציי פאלשע ידיעות אז יאסעלע איז דארט און דארט, אנדערע האבן געזאגט פונקט פארקערט און זיי זענען געגאנגען זוכן אהין און אהער אזוי ווי פרעה מיט די פידשזאמעס... אין איבער צוויי הונדערט פלעצער זענען די פאליציי געקומען זוכן, וואו זיי זענען געקומען האבן זיי געטראפן אסאך משה'לעך און יענקל'עך אסאך וואוילע אידישע קינדער אבער יאסעלע איז נישטא!

דאס איז שוין געווען ממש ווי א פאטש אין פנים פאר דער גאנצער מדינה, אזא זאך מען זאל קענען אויסבאהאלטן דעם קינד אונטער זייער נאז? די גאנצע וועלט האט גע'רעש'ט און געקאכט, א אלטער קראנקער זיידע קען מאכן צושפאס פון דער גאנצער גרויסער ציוני'סטישע מדינה?... ביז א קורצע צייט האבן זיי געאורטיילט אז מען דארף איינזעצן אין תפיסה דעם זיידן ר' נחמן שטראקס און אלע ארומיגע וועלכע זענען פארדעכטיגט אז זיי האבן א האנט אין די פרשה פון יאסעלע. אין א העלן טאג האבן זיך אפגעשטעלט א שורה פאליציי מאשינען נעבן דער קליין צימערל פון ר' נחמן אין מאה שערים, די גאס איז געווארן בלוי פון אן א שיעור פאליסן וועלכע זענען געקומען כאפן דעם גרויסן פארברעכער...

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה



# און הײַנט הייבט זיך אָן אַלע הַתְחָלוֹת פון פּוּרִים...

פּוּרִים איז אַ עֵת רָצוֹן, אַ צַייט זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ נֶעם
אָנְהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין עֲבוֹדַת ה׳
וֶועט אֵיינֶער זָאגְן לָאמִיר וַוארְטְן אוֹיף פּוּרִים
עֶר הָאט שׁוֹין עִנְיָנִים מִיט גַאנְצֶע סִפּוּרִים
עֶר הָאט אַ גוּטֶע קַבָּלָה
ווִיל עֶר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע הַתְחָלָה
פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן לֵיינֶען דִי מְגִלָּה...
אָדֶער אֶפְשָׁר אִין דִי סְעוּדָה בַּיים טִישׁ
צְווִישְׁן דֶעם גְלֶעזְל ווַיין מִיט דִי פִּישׁ
דֶערוַוייל גִיבְּט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער פּוּרִים אַ פַּארְוִויש
לֶערְנְט אוּנְז רַבִּי נָתָן און הַיינְט...! הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמְעוּ
הַיינְט! קֶען מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען גוּטֶע קַבָּלוֹת
הַיינְט! קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן פְּרִישֶׁע הַתְחָלוֹת
לָאז נִישְׁט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פּוּרִים
נֶעם הַיינְט צוּם הַארְצְן דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים
און הַיינְט... זָאגְט רַבִּי נָתָן הָאט עֶר עֶקְסְטֶערֶע כַּוָּונָה
הֵייבּ אָן הַיינְט, וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּם פּוּרִים מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה
אַיי אַיי און הַיינְט... און הַיינְט... לֶערְנֶען מִיר נָאךְ
מֶענְטְשְׁן זָאגְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַ בְּרָאךְ
סְ׳אִיז שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת...
סְ׳אִיז הוֹיכֶע תּוֹרוֹת...
נִישְׁטָא קֵיין אוֹרוֹת...
קְלִפַּת עֲמָלֵק פְּרָאבִּירְט אוּנְז פַארְשְׁוַוארְצְן
עֶס ווִיל אוּנְז פַארְלֶעשְׁן דֶעם ווִילְן פוּן הַארְצְן
עֶר זָאגְט דִי זְמַנִּים טוּעֶן זִיךְ בַּייטְן
זַיין אַ אִישׁ כָּשֵׁר הָאט מֶען גֶעקֶענְט נָאר עֲמָלִיקְ׳ע צַייטְן...
לֶערְנְט אוּנְז רַבִּי נָתָן און הַיינְט... און הַיינְט... און הַיינְט...
דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי׳ן בִּיז הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת סְ׳שַׁיינְט
אוֹיךְ הַיינְט קֶען מֶען אָנְצִינְדְן דִי הַארְץ,
מֶען קֶען פִילְן דֶעם אוֹר
תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח, וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר
וְזֹאת הַתּוֹרָה לֹא תְהֵא מְחֻלֶּפֶת דִי תּוֹרָה טוּט זִיךְ נִישְׁט בַּייטְן
כָאטְשׁ עֶס פַאלְן דִי דוֹרוֹת, עֶס דְרֵייט זִיךְ דִי צַייטְן

און הַיינְט... און הַיינְט... רֶעדְט רַבִּי נָתָן צוּ יֶעדְן אִיד
הַאלְט זִיךְ דֶערְהַאלְט זִיךְ ווֶוער נִישְׁט מִיד
אוֹיךְ הַיינְט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד
כָאטְשׁ דֶער דוֹר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג און מְאוּס
אָבֶּער דֶער רֶבִּי, דֶער צַדִּיק, עֶר קֶען דִיר שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס
גֶעווַואלְד בְּרִידֶער, לָאמִיר אַלֶע מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה,
עֲמָלֵק זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע מַפָּלָה
זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן, אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ בְּלַאט
לָאמִיר זִינְגֶען אַלֶע צוּזַאמֶען
יַעֲמוֹד .... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד... י ע מ ו ד...
אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.. יַעֲמוֹד....
רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִיבּוּרִים... יַעֲמוֹד...
לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים... יַעֲמוֹד...
תְּפִלָּה בְּכֹחַ... יַעֲמוֹד...
הִיטְן דֶעם מֹחַ... יַעֲמוֹד....
און נָאךְ און נָאךְ גוּטֶע עֵצוֹת און וֶועגְן
בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין גֵיין מָשִׁיחַ׳ן אַנְטְקֶעגְן
יַעֲמוֹד ... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד...
לָאמִיר בֶּעטְן אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי׳ן ... יַעֲמוֹד...
גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת זָאל אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּן... יַעֲמוֹד...
אַלֶע גְזֵרוֹת און דִינִים זָאלְן וֶוערְן צוּרִיסְן.... יַעֲמוֹד...
פוּן קֵיין צָרוֹת זָאל מֶען מֶער נִישְׁט ווִיסְן.... יַעֲמוֹד
זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ אֶמֶת׳עֶר חַיִּים... יַעֲמוֹד...
חַיִּים יֵשׁ בָּהֶם אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם... יַעֲמוֹד.....
לָאמִיר גֵיין מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים
מִיט אַ שִׂמְחָה, וְהַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִים
קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים...



| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ז | ש | י | ו | ו | א | ר | ק | ל | מ | כ | י | ג | ו |
| ל | נ | ט | ס | מ | ל | ע | ו | נ | י | ש | ט | מ | פ |
| ז | י | מ | א | מ | ל | ד | ע | ר | ה | א | ל | ט | נ |
| ע | י | פ | ג | ר | ג | ד | ר | ע | ס | י | ו | ר | ג |
| פ | ז | כ | כ | ה | ק | נ | י | ש | ט | נ | ל | נ | מ |
| ח | ו | נ | ד | ע | ר | נ | ת | ו | א | מ | א | א | ח |
| ע | ה | ע | ע | כ | ל | ע | ו | ו | ד | ר | ר | ג | כ |
| ש | ר | ח | ל | י | ד | ק | ג | ה | ח | ע | ד | נ | מ |
| פ | ל | ע | ר | ע | ו | נ | ת | ח | ז | ק | י | ש | ל |
| ו | נ | ה | י | ה | פ | ו | כ | ב | ת | ח | ל | מ | כ |
| ר | ע | ב | פ | י | ס | א | י | י | ב | ז | ע | ו | ס |
| י | נ | א | נ | ו | ז | ג | נ | י | ז | ק | ח | ק | ח |
| ז | ו | ו | כ | ז | נ | ד | ו | ט | ס | ו | ש | ד | ש |
| ב | א | ר | ר | ל | א | מ | י | ר | ת | נ | פ | ז | ש |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן
אזוי אויך טרעף די ווערטער אינעם הייטיגן גליון אין איינע פון די מעשיות



חֲזַק וְנִתְחַזֵּק וְלֹא נִהְיֶה כְּפִיל הַגָּדוֹל וְכַגָּמָל שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים מִכֹּחָם. – לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט זַיין וְוִי דֶער גְרוֹיסֶער עֶלֶעפַאנְט אוּן דֶער קֶעמְל וְועלְכֶע וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרע כּוֹחוֹת

## ה – דֶער ׳צַדִּיק׳ וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעפַאלְן ׳עַצְבוּת׳

[אות א] עֶס אִיז בַּאוואוּסְט: אַז ׳עַצְבוּת׳, ׳טְרוֹיעֶרִיגְקַייט׳, אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסֶ׳ע מִדָּה! אוּן מְ׳דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן דֶערְפוּן! – אוּן מְ׳דַארְף זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְּן!

וַוייל עֶר דַארְף ווִיסְן: אַז יֶעדְן ׳רִיר׳ אוּן ׳בֵּייג׳, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רִירְט זִיךְ אוּן רוּקְט זִיךְ, וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם – אִיז זֵייעֶר טַייעֶר אִין אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס אוֹיגְן – אֲפִילוּ עֶר רוּקְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ הָאר! – וַוייל ווִיבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ ׳גוּף׳, אִין ׳עוֹלָם־הָעֲשִׂיָּה׳ – אִיז דֶערְפַאר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף אִים, יֶעדְן רִיר אוּן בֵּייג! – דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זֵייעֶר טַייעֶר אִין אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס אוֹיגְן!

[אות ב] אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק: וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן ׳טְרוֹיעֶרִיגְקַייט׳ [עַצְבוּת] אוּן ׳שְׁוֶועריגְקַייט׳! – אוּן וֶוען סְ׳אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אַ צַדִּיק ׳עַצְבוּת׳, אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִים – וַוייל אוֹיף אַ ׳צַדִּיק׳, שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס זֵייעֶר פִיל!

בִּיז סְ׳אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים, אַזוֹיפִיל ׳פוֹילְקַייט׳ [עַצְלוּת] אוּן ׳שְׁוֶועריגְקַייט׳ – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְרִירְן פוּן זַיין פְּלַאץ, צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע ׳שְׁוֶועריגְקַייט׳ אוּן ׳עַצְבוּת׳ וָואס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער אִים!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן, אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְּן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְפְרֵייעֶן אוּן דֶערְהֵייבְּן! – וַוייל מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן, הָאט אִים דֶער ׳בַּעַל־דָּבָר׳ גֶעטְרָאפְן דֶערִינֶען ׳עַצְבוּת׳! – בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס זִיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן! – וַוייל מִיט יֶעדֶע ׳שִׂמְחָה׳ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, הָאט עֶר אִים גֶעטְרָאפְן דֶערִינֶען ׳עַצְבוּת׳!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְפְרֵייעֶן, מִיט דִי ׳שִׂמְחָה׳ פוּן ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״! ״בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גוֹי״! – אוּן דָאס אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַ ׳גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁאץ! – וַוייל מְ׳קֶען דָאךְ נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן דִי צְווִישְׁנְשֵׁייד אוּן חִילּוּק! ׳טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער צְווִישְׁנְשֵׁיידְן׳, וָואס אִיז פַארְהַאן צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ אִיד, פוּן דֶעם ׳נִידְרִיגְסְטְן־פוּן־דִי־נִידְרִיגְסְטֶע׳ – צְווִישְׁן דִי שְׁלֶעכְטְס אוּן טוּמְאָה פוּן דִי ׳גוֹיִם׳!

אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט גֶעדֶענְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס חֲסָדִים אִיבֶּער אִים: ״אַז עֶר הָאט אִים נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גוֹי״! – דַארְף עֶר זִיכֶער זֵייעֶר פַארְגְרֶעסֶערְן זַיין ׳שִׂמְחָה׳ דֶערְמִיט! – אוּן דָאס אִיז אַזַא סָארְט ׳שִׂמְחָה׳, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין ׳עַצְבוּת׳!

וַוייל מְמֵילָא וֶוען עֶר דֶערְפְרֵייט זִיךְ מִיט אַזַא סָארְט זַאךְ וָואס עֶר טוּט אַלֵיינְס, קֶען מֶען נָאךְ טְרֶעפְן דֶערוֹיף ׳עַצְבוּת׳ אוֹיף יֶעדְן סָארְט ׳שִׂמְחָה׳ – וַוייל אִין יֶעדְן זַאךְ וֶועט עֶר [דֶער ׳בַּעַל־דָּבָר׳] אִים טְרֶעפְן ׳חֶסְרוֹנוֹת׳, כְּדֵי אִים נִישְׁט צוּצוּלָאזְן זִיךְ צוּ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן!

אָבֶער מִיט דֶעם זַאךְ פוּן: ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״, וָואס דָאס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ דָאס גֶעמַאכְט, אַז עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין ׳גוֹי׳ – וְויאַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ טְרֶעפְן אַ ׳חִסָרוֹן׳ אִינֶעם ׳דָאזִיגְן סָארְט שִׂמְחָה׳, וְוִיבַּאלְד דָאס אִיז דָאךְ ׳מַעֲשֵׂה הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳ אַלֵיינְס! – וַוייל וְויאַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין [וָואס סְ׳גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף אִים], אִיז דָאךְ אָבֶער כָּאטְשִׁיק פַארְהַאן אַ רִיזִיגְן צְוִוישְׁנְשֵׁייד, צְוִוישְׁן אִים אוּן דִי גוֹיִם, אָן קַיין שִׁיעוּר אוּן אָן קַיין שַׁאץ!

[אוֹת ג] אוּן דֶער ׳אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער צַדִיק׳ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְפְרֵייעֶן דֶערְמִיט [מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״]! – אוּן עֶר הָאט ׳צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ׳, זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ צוּ דֶערְהֵייבְּן! – אוּן יֶעדְן מָאל הָאט עֶר זִיךְ מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן דֶערְפְרֵייט! – בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא ׳שְׁטַארְקֶע אוּן גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳! אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ ״דִי ׳שִׂמְחָה׳ וָואס ׳מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ עָלָיו־הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעהַאט, בְּשַׁעַת וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל צוּ בַּאקוּמֶען דִי ׳לוּחוֹת׳״ [אָבוֹת־דְּרַבִּי־נָתָן פ״ב ה״ג]!

אוּן אַזוֹי אִינְצְוִוישְׁן וָואס עֶר [דֶער ׳אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער צַדִיק׳] דֶערְהֵייבְּט זִיךְ אוּן דֶערְפְרֵייט זִיךְ אַזוֹי – אִיז עֶר גֶעפְלוֹיגְן אִין דִי ׳עוֹלָמוֹת׳, ׳עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער מַייל׳! [דָאס הֵייסְט: עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגְן בְּתוֹךְ דִי ׳עוֹלָמוֹת׳, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְלִיעֶן פוּן דֶעם פְּלַאץ אִין ׳עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן׳ וואוּ עֶר אִיז גֶעוָוארְן דָארְט פְרֵיילֶעךְ – זֶעה וַוייטֶער]!

אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן, קוּקְט עֶר זִיךְ אָן, אוּן עֶר [זֶעהְט: אַז עֶר] אִיז זֵייעֶר וַוייט [הֶעכֶער] פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר!

אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט ׳גְרוֹיס צַעַר׳ – וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט: אַז עֶר וֶועט אַרֵיינְפַאלְן צוּ עֶפֶּעס אַ אַנְדֶערְן פְּלַאץ! [וַוייל וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ גֶערוּקְט הֶעכֶער, אִיז אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרָאפְּפַאלְן פוּן זַיין עֲבוֹדָה – וֶועט עֶר דָאךְ אַרָאפְּפַאלְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן פְּלַאץ, לוֹיט וְוִיפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶערוּקְט אוֹיבְן – זֶעה בִּילְד וַוייטֶער] – אוּן סְ׳וֶועט זַיין אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן וואוּנְדֶער [וֶוען מְ׳וֶועט אִים זֶעהְן אוֹיף אַ אַנְדֶערְן פְּלַאץ פוּן פְרִיעֶר – אוּן מְ׳וֶועט זָאגְן]: ״אַז עֶר אִיז פְלוּצְלִינְג נֶעלָם גֶעוָוארְן״ [פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פְּלַאץ]! – אוּן דֶער צַדִיק וִויל דָאךְ זַיין שְׁטֶענְדִיג ״הַצְנֵעַ־לֶכֶת״ [מִיכָה ו, ח]! ״לֶעבְּן בַּאהַאלְטְן אוּן בַּאשֵׁיידְן״! [בְּמֵילָא וִויל עֶר נִישְׁט מְ׳זָאל זֶעהְן: וִוי עֶר שְׁטֵייגְט אוּן גֵייט הֶעכֶער]!

[אוֹת ד] אוּן דִי ׳שִׂמְחָה׳ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין! וַוייל ׳שִׂמְחָה׳ הָאט אַ ׳גְרֶענִיץ׳, וואוּ עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן, אוּן וואוּ עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ! – אוּן וֶוען דִי ׳שִׂמְחָה׳ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶנְדִיגְן, הָאט זִיךְ דָאס גֶעעֶנְדִיגְט ׳צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ׳ – אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶערְנִידֶערְט [פוּן דָארְט וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן] ׳צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ׳!

אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען [אַרָאפְּגֶעפְלוֹיגְן] אוּן דֶערְנִידֶערְט גֶעוָוארְן, פוּנֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז דָארְט אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן בְּשַׁעַת דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע רִיזִיגֶע] ׳שִׂמְחָה׳ – אִיז עֶר נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין עֶרְשְׁטְן פְּלַאץ [אִין ׳עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן׳] פוּן וואוּ עֶר אִיז פוּן דָארְט אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן [זֶעה אוֹיבְן] – [דָאס הֵייסְט: אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפְלוֹיגְן צוּרִיק] אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג־גַאנְג פוּן זַיין פְלִיעֶן [אוֹיף אַרוֹיף]! – נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְטְן [דָא אוֹיף דֶער ׳דָאזִיגֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער־וֶועלְט׳], צוּם זֶעלְבְּן פְּלַאץ פוּן וואוּ עֶר אִיז

[גֶעוֶוען פְּרִיעֶר וֶוען עֶר אִיז] אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער: אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט צוּרִיק אַרָאפְּגֶענִידֶערְט: וִוי עֶר אִיז צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין 'עֶרְשְׁטְן [זֶעלְבְּן] פְּלַאץ' [וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאר עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען]?! – אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט!

בִּיז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען [צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען] צוּם זֶעלְבְּן פְּלַאץ וָואס עֶר אִיז קוֹדֶם דָארְט גֶעוֶוען. אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ אָן, אוּן עֶר זֶעהְט: אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז פְּרִיעֶר גֶעוֶוען! אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט אַוֶועקְגֶערוּקְט פוּן זַיין פְּלַאץ! נָאר אֶפְשַׁר אַזוֹי־וִוי אַ 'הָאר', וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן וואוּנְדֶער אִין צַדִּיקְ'ס אוֹיגְן: "אַז עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעפְלוֹיגְן אִין דִי 'עוֹלָמוֹת', אוּן 'דָא אוּנְטְן' הָאט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט"!

הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן: אַז סְ'אִיז אַזוֹי טַייעֶר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן, יֶעדְן קְלֵיינֶעם 'רִיר' אוּן 'בֵּייג' וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רוּקְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ קְלֶענֶער פוּן אַ 'הָאר'! – אַז 'טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת אוּן מַייל', זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְט [הָאבְּן נִישְׁט אַזַא גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת] קֶעגְן דֶעם! [דָאס הֵייסְט: אַז דָא אוּנְטְן וֶוען מְ'רוּקְט זִיךְ אַ קְלֵיין פִּיצֶעלֶע, אוּן מְ'קוּמְט נָאר אָן צוּ 'עֶפֶּעס אַ (קְלֵיינֶעם) קְדוּשָּׁה', אֲפִילוּ נָאר 'אַזוֹי קְלֵיין וִוי אַ הָאר' – אִיז דָאס נָאךְ סַאךְ מֶער טַייעֶרער, וִוי 'טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת' דָארְטְן אוֹיבְן אִין הִימְל (לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, חוֹל־הַמּוֹעֵד ד, יג; רֵאשִׁית־הַגֵּז ד, א)].

המשך פון די לעצטע זייט

## דעם רבינ'ס משלים



פִּיצְקֶעלֶע יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט אוּנְז אַיינְרֶעדְן אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן. פוּנֶעם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער לֶערְנֶען מִיר אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז קְלֵיין, נִידְרִיג אוּן אַ שְׁוַואכְלִינְג. דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר פְּרוּאוְוט אוּנְז אוֹיס, זֶענֶען וִוי אַ זֵייפְן בְּלָאז קֶעגְן דִי מַאכְטְפוּלֶע כּוֹחוֹת וָואס מִיר הָאבְּן, דָאס זֶענֶען אַזוֹינֶע כּוֹחוֹת וִוי דִי אַייזְן-שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת פוּנֶעם עֶלֶעפַאנְט.

דֶערִיבֶּער לִיגְט אוֹיף אוּנְז צוּ גוּט גֶעדֶענְקֶען אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אִין אוּנְז, אִין דִי דוֹיעֶרְהַאפְטִיגֶע כּוֹחוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אוּן גְלֵייבְּן בְּנֶאֱמָנוּת אַז 'יָא, מִיר קֶענֶען!', מִיר פַארְמָאגְן דִי כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֵיין אוּן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין קֶעגְן אַלֶעמֶען, אַסַאךְ מֶער וָואס מִיר טְרַאכְטְן בֶּאֱמֶת!

חַזֵּק וְנִתְחַזֵּק וְלֹא נִהְיֶה כְּפִיל הַגָּדוֹל וְכַגָּמָל שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים מִכֹּחָם. – לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט זַיין וִוי דֶער גְרוֹיסֶער עֶלֶעפַאנְט אוּן דֶער קֶעמְל וֶועלְכֶע וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת ('שיר נעים' בהקדמת ליקו"מ)

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן





## דִי שִׂיחוֹת פוּן נָאךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (3)

**א. וואס דערציילט אונז דער רבי? אז ס'איז געווען א צדיק וואס ס'איז געפאלן אויף איס?**
- ❑ עצבות - טרויער
- ❑ כבדות - שווערקייט
- ❑ עצבות וכבידות גדול - א גרויסע טרויער און שווערקייט

**ב. וואס האט איס דער בעל דבר געטראפן אין יעדע שמחה?**
- ❑ עצבות
- ❑ גאווה
- ❑ שקר

**ג. וואספארא שמחה האט ער ביים סוף געטראפן וואס איז נישט געלונגען פאר'ן בעל דבר עס צוצושטערן?**
- ❑ אז ער האט געטוהן א גרויסע מצווה
- ❑ אז ער האט געלערנט אסאך שעות
- ❑ אז דער בעשעפער האט איס נישט געמאכט א גוי – שלא עשני גוי

**ד. צו וועלכע שמחה איז דער צדיק אנגעקומען דורך דעם?**
- ❑ צו די שמחה פון א חתונה
- ❑ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ביי מתן תורה
- ❑ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ווען ער האט מקבל געווען די לוחות

**ה. וואו ווייט איז דער צדיק געפלויגן אין די היכלי ווערלטן בשעת ער איז געווען פריילך?**
- ❑ ווי איין האר
- ❑ ער האט זיך בכלל נישט גערירט
- ❑ אפאר טויזענטער מייל

**ו. איז דער צדיק אראפ די זעלבע וועג וואו ער איז ארויף?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ז. צו וואו איז דער צדיק אנגעקומען ווען ער איז אראפ דא אויף דער וועלט?**
- ❑ פונקט צו די זעלבע פלאץ וואו ער איז פריער געווען
- ❑ מיט אפשר א האר געריקט פון דער פלאץ וואס ער איז פריער געווען
- ❑ אפאר טויזענט מייל ווייט פון וואו ער איז פריער געווען

**ח. וואס זאגט אונז דער רבי האט מען איס געוואוזן מיט דעם?**
- ❑ אז א צדיק קען אנקומען צו היכלי וועלטן
- ❑ אז עס איז זייער טייער יעדע ריר וואס א מענטש רירט זיך אויף דער וועלט פארן אויבערשטן
- ❑ עס איז זייער טייער דאס וואס דער צדיק גייט אין די היכלי וועלטן

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

ווען און וואו האט דער רבי דערציילט די מעשה? **שבועות תקס"ז אין זאסלב**

וואו נאך דערציילט דער רבי אין סיפורי מעשיות אז מען האט געשלאגן? (די ניינטע מעשה חכם ותם) **בִּיז דֶער גָאר קֶעבֶּער. הָאט זֵיי גִישְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק, - דֶער פָּקִיד אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט גִישְׁלָאגְן**

וויפל מאל ווערט דערציילט אין סיפורי מעשיות וועגן א "פערד"? **8 מאל – ווער ווייסט ביי וועלכע מעשיות?**

וויפיל מאל ווערט דערציילט אין סיפורי מעשיות וועגן איינער וואס "שרייט"? **8 מאל – ווער ווייסט ביי וועלכע מעשיות?**



צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

דִי חֶבְרַת-תְּהִלִּים קִינְדֶער גֶעפִינֶען זִיךְ אִין 'טִיעֶר גָארְטְן', זֵיי בַּאטְרַאכְטְן דִי חַיּוֹת אוּן קוּקְן מִיט וואוּנְדֶער אוֹיף דִי בְּהֵמוֹת. שֶׁעפְּסֶעלֶעךְ אוּן צִיגְן הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט אֵיינְמָאל גֶעזֶען, צוּם טִיעֶר-גָארְטְן זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען זִיךְ אָפְּווּאוּנְדֶערְן פוּן סְצֶענֶעס וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם גָארְטְן.

צוּ שְׁטַייטְלִיךְ מִיט נַייגֶער שְׁפַּאצִירְן זֵיי צְווִישְׁן דִי גָארְטְן שְׁטֵייגְן, זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן בַּאנוּמֶען, אוֹיפְגֶעהַייטֶערְט, גוּטְמוּטִיג אוּן רוּפְן אוֹיס אוֹיפְגֶעלֵייגְט: "קוּקְטְס דָארְטְן! קוּק אִים אָן..." בִּיז אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶענְצְלִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶרֶע טְרִיט. זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַמְשִׁיךְ מִיט זֵייעֶר שְׁפַּאצִיר, וָואס הָאט זִיךְ זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר דִי אוֹיגְן?



אַ מָאדְנֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג! דֶער עֶלֶעפַאנְט.

דֶער רִיזְן עֶלֶעפַאנְט אִיז נָארְוָואס אַרוֹיס פוּנֶעם וַואסֶער בַּאסֵיין, עֶר שְׁטֵייט מִיטְן פוּלְן פְּרַאכְט, זֵיין גְרוֹיסְקַייט אוּן וָואג שְׁרֶעקְן אוּן דֶערְצִיטֶערְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע, דִי שְׁטַארְקַייט פוּן זַיין נָאז אִיז פוּל מִיט קְרַאפְט אוּן מַאכְט. מִיט זַיין נָאז קֶען עֶר שְׁלֶעפְּן, צִיעֶן, שְׁטוּפְּן אוּן אוֹיךְ טֵיילְן מַכּוֹת רֶצַח. דֶער עֶלֶעפַאנְט שְׁטֵייט אוּן רוּקְט זִיךְ נִישְׁט.

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי יואל ראטנבערג הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם שמואל דרדיק הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

## דער שטארקער, דערשראקענער עלעפאנט

מִיט קַיין שׁוּם וָוארֶענוּנְג פוּן פְרִיעֶר הֵייבְּן אָן דִי פִּיס פוּנֶעם עֶלֶעפַאנְט גֵיין אוּן לוֹיפְן, עֶר דֶערְנֶעענְטֶערְט זִיךְ צוּם וַואנְט מִיט אַ גֶעלוֹיף אוּן דְרֵייט זִיךְ אוֹיף צוּרִיק. עֶר לוֹיפְט אַרוּם דֶעם וַואסֶער אוּן לוֹיפְט גְלַייךְ צוּרִיק אִין אַן אֵיילֶענִישׁ, דִי חַבוּרָה עֶפֶענֶען גְרוֹיסֶע אוֹיגְן, וֶוען שְׁרָגָא הָאט זֵיי דַאן גֶעצֵייגְט אוֹיפְן קְלֵיינֶעם פִּיצְקֶעלֶע מַייזֶעלֶע. "וָואס אִיז דָארְט"? דָאס קְלֵיינֶע מַייזֶעלֶע טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ מִיט



רִיזְן עֶלֶעפַאנְט, אוּן דֶער עֶלֶעפַאנְט אַנְטְלוֹיפְט פוּן אִים מִיט פַּחַד אוּן מוֹרָא, עֶר וִויל זִיךְ רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן. קֶען דָאס טַאקֶע זַיין???

אַלֶעקְס, דֶער גוֹי וָואס גִיבְּט זִיךְ אָפּ מִיטְן עֶלֶעפַאנְט, זֶעט זֵייעֶר וואוּנְדֶער, גִיבְּט עֶר זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין: "עֶנְק זֶענֶען גֶערֶעכְט אַז דֶער מֶעכְטִיגֶער עֶלֶעפַאנְט קֶען צֶעקְוֶועטְשְׁן אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְן דָאס מַייזֶעלֶע מִיט אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קְוֶועטְשׁ פוּנֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער, אָבֶער דֶער עֶלֶעפַאנְט וֵייסְט נִישְׁט דֶער סוֹד וָואסְפַאַרַא כּוֹחוֹת עֶר פַארְמָאגְט, עֶר אִיז זִיכֶער אַז דָאס מַייזְל קֶען אִים שֶׁעדִיגְן דֶערְפַאר אַנְטְלוֹיפְט עֶר - - -

לוֹיט דֶעם מָשָׁל לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז מִיר פַארְמָאגְן רִיזִיגֶע שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת. מִיר קֶענֶען שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגְן אַלֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן! עֶס לִיגְט טִיף אִין אוּנְז בַּאהַאלְטְן אַן עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה צוּ קֶענֶען שְׁטֵיין פֶעלְזְן פֶעסְט אוּן קֶענֶען אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אַלֶעם וָואס דֶער

המשך אויף זייט 4